# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת כי תצא | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך:**

שמעתי מפה קדשו אדמו"ר האלקי וכו' מורינו הרב ר' שלמה לייב ז"ל מלענטשא שאמר: ידוע שהבונה בנין צריך לעשות מקודם יסוד לקבל הבנין, ואז לא יוכל הבנין ליפול, והנה ישראל הבונה לעצמו מדור בתפלה ומעשים טובים, יצרו של אדם מתחדש בכל יום להסיתו ולהפילו ממדרגתו, ע"כ צריך האדם לראות כאלו מתחיל מחדש, וכמו שאמרו חכמינו ז"ל בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, ולא יפול ח"ו מהשתדלותו, כי היצר רוצה הכל רק להכניסו לעצבות, ואז יעשה מה שיוכל בו.

**ועשית מעקה**, ראשי תיבות ה'רהורי ע'בירה ק'שים מ'עבירה, לגגך, שמקודם יראה להסיר ממנו כל ההרהורים שהם היסוד, ולא ידמה עצמו מה שהיצר הרע מפילו (רמתים צופים-אליהו זוטא).

## דרש דרש

**לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור מפתור ארם נהרים לקללך:**

לכאורה דארף מען פארשטיין עטליכע דיוקים אין דעם פסוק: קודם פארוואס ווערט דאס באטראכט ווי אזא גרויסער חטא דאס וואס זיי זענען נישט קעגן געקומען די אידן מיט ברויט און וואסער, אפשר זענען זיי געווען ארעם און זיי האבן נישט געהאט מיט וואס קעגן צו גיין זעקס הונדערט טויזנט אידן?

נאך דארף מען פארשטיין, פארוואס פעלט אויס צו זאגן אויך דעם טעם פון **'אשר שכר עליך את בלעם'**, פארוואס איז איין טעם אליין נישט גענוג?

זאגט דער **תפארת שלמה** זי"ע אז איין קשיא פארענטפערט די צווייטע, ווייל אויפן ערשטן טעם איז דאך שווער פארוואס קומט זיי אן עונש, אפשר האבן זיי נישט געהאט קיין געלט, אויף דעם איז ער ממשיך **'ואשר שכר עליך את בלעם'**, זעהסטו דאך אז צו דינגען בלעם אז ער זאל שעלטן האסטו יא געהאט געלט? ממילא נאר דורכדעם ווערט נתעורר דער ערשטער חטא פון **אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים.**

*

**לא יבא ממזר בקהל ה' גם דור עשירי לא יבא בקהל ה':** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס כאפט דער פסוק אן פונקט א צענטן דור, וואס פון דעם לשון איז משמע אז איך וואלט ווען געמיינט אז א צענטער דור וואלט ווען יא געווען מותר?

זאגט דער **פלאצקער גאון זצ"ל** א הערליכער תירוץ ווייל אין ירושלמי שטייט אז א ברי', דאס הייסט א באשעפעניש קען נישט בטל ווערן ברוב, און אויך נישט בשישים, נאר אין תתק"ס (960). קומט אויס אז ווען א מענטש האט ח"ו חתונה געהאט באיסור איז זיין זון א ממזר, דער ערשטער דור דער זון פונעם ממזר איז נאר א האלבער ממזר, ווייל נאר מצד דעם טאטן איז ער א ממזר, דער צווייטער דור איז שוין נאר א פערטל ממזר, דער דריטער דור איז נאר א אכטל ממזר, דער פערטער דור איז שוין נאר א

## מעשה רב

### אכטונג געבן אויף כלאים

ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל דעם ערשטן מאל בשנת תרצ"ב איז געווען ביים רבי'ן א איד מיטן נאמען רבי יונה לעפקאוויטש ז"ל, וועלכער איז געווען א ערליכער איד א תלמיד חכם און פון די מקנאי קנאת ה' צבקות אין ירושלים.

האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז מיט עטליכע יאר פריער האבן די ערליכע גדולי ישראל אין ירושלים די "עדה החרדית" געפירט א שווערע מלחמה קעגן די ציוני'סטישע "רבנות הראשות" וואס איז געשטאנען אונטער די פירערשאפט פון הר' קוק ימ"ש, האט דאן איינער פון די גדולי ירושלים הגה"צ ר' משה יוסף האפמאן זצ"ל דער פאפער דיין, געבעטן רבי יונה אז ער זאל אריבערגיין צו איינעם פון די רבנים אין ירושלים און אים בעטן אז ער זאל אויך ארויסהעלפן אין די מערכה, און לוחם זיין קעגן די רשעים וואס ווילן חרוב מאכן דאס הייליגקייט פון די שטאט ירושלים.

יענער רב האט זיך ארויסגעדרייט און ער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן צו די מלחמה, ער האט געטענה'עט אז ער זיצט אינדערהיים און ער לערנט, און עס אינטערעסירט אים נישט וואס עס טוט זיך אויף די גאס, ממילא וויל ער זיך נישט מישן.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן: אין "מרדכי" (מס' עירובין הגהות פ"ק) ווערט דערציילט א מעשה, דער רשב"ם פלעגט אלעמאל גיין אויפן גאס מיט פארמאכטע אויגן צוליב זיין מורא'דיגע אפגעהיטענקייט, איינמאל האט ער געוואלט ארויפגיין אויף א וואגן וואס איז געווען איינגעשפאנט מיט א פערד און א אייזל וואס איז א איסור פון כלאים - ווי עס שטייט אין די וואכענדיגע סדרה - אבער וויבאלד ער האט נישט אויפגעהויבן די אויגן האט ער דאס נישט באמערקט, פונקט איז דורכגעגאנגען זיין ברודער דער רבינו תם און ער האט זיך אנגערופן צו אים "זיי נישט צו

זעכצנ׳טל ממזר, דער פיפטער דור איז נאר א 32׳סטל ממזר, דער זעקסטער דור איז נאר א 64׳סטל ממזר, דער זיבעטער דור איז נאר א 128׳סטל ממזר, דער אכטער דור איז נאר א 256׳סטל ממזר, דער ניינטער דור איז נאר א 512׳סטל ממזר, דער צענטער דור איז נאר א 1024׳סטל ממזר.

קומט אויס אז הערשט ביים צענטל דור איז דא תתק״ס צד היתר קעגן דעם צד איסור, וואס דעמאלטס וואלט געווען א סברא אז דער צד איסור זאל בטל ווערן בתתק״ס, דאס קומט די תורה זאגן אז אפילו דעמאלטס ווערט עס אויך נישט בטל.

# בפרדס החודש

## תקיעת שופר בחודש אלול

עס איז אן איינגעפירטער מנהג בכל תפוצות ישראל אז פון ראש חודש אלול ביז ערב ראש השנה בלאזט מען מיט א שופר יעדן אינדערפרי נאכן דאווענען שחרית.דער דאזיגער מנהג האט נישט קיין מקור אין דברי חז״ל ווי אויך אין די **ספרי הגאונים**, אבער אין די **ראשונים** ווערט שוין געברענגט טעמים און ראיות צו דעם איינגעפירטן מנהג צו בלאזן שופר אין חודש אלול.

עס זענען אבער דא **מגדולי הפוסקים** ווי דער טור און אנדערע וואס זאגן אז דער מנהג שטאמט יא נאך פון חז״ל, און אז אין **פרקי דרבי אליעזר** (במקור ראשון ריש סי׳ תקפ״א) שטייט אז די תקנת חז״ל איז געווען אז מען זאל בלאזן מיטן שופר גאנץ חודש אלול.

אין **שו״ת דברי יואל** (או״ח סי׳ ט׳ או״א) איז דער רבי זי״ע מדייק אינעם לשון הטור וואס שרייבט **״התקינו חז״ל״** אז דאס איז נישט קיין תקנה נאר א מנהג, אזוי ווי דער טור פירט אויס **״וכן נוהגין״**, אזוי שטימט דער לשון פון **מגן אברהם** (שם סקי״ד) וואס ברענגט דעם טעם פארוואס מען בלאזט נישט קיין שופר ערב ראש השנה ״כדי להפסיק ולהבדיל בין זו השופר שהוא תקיעות דרשות, לשופר של ר״ה שהוא מן התורה״, ווייל נאר אויב עס איז א מנהג חז״ל קען דאס ווערן אנגערופן תקיעות דרשות עיי״ש.

אין ספר **המנהגים** (הו״ד בדרכי משה סק״א) פון **הגאון רבי יצחק אייזיק טירנוי זצ״ל** ברענגט ער א סמך צו דעם מנהג פון די תורה, וז״ל ״עס איז א מנהג כשר צו בלאזן מיטן שופר פון ראש חודש אלול ביז ערב ראש השנה וואס דאן איז סליחות זכור ברית, וואס דעמאלטס הערט מען אויף צו בלאזן, און מען בלאזט ווייטער ראש השנה, וואס דאס איז אינאיינעם דרייסיג טאג, און א ראי׳ דערצו זעהט מען אין פסוק ״תקעו בחודש שופר״ איז משמע אז דעם גאנצן חודש, וואס דאס איז דרייסיג טאג זאל מען בלאזן מיטן שופר״.

אויך דער **רמ״א** (סי׳ תקפ״א ס״א) וואס מיר פסק׳ענען ווי אים שרייבט ״מראש חודש ואילך מתחילין לתקוע אחר התפילה שחרית שיש מקומות שתוקעין ג״כ ערבית״.

עס זענען דא פלעצער ווי מען האט זיך אבער נישט געפירט צו בלאזן שופר אין חודש אלול, ווי אויך דער **מחבר** אין שו״ע דערמאנט בכלל נישט דעם מנהג, ווי עס זעהט זיך אויס איז דאס געווען נאר א מנהג בני אשכנז, וואס די ספרדים האבן נישט געהאט אנגענומען.

אין די **ספרי הפוסקים** ווערט אנגעגעבן פארשידענע טעמים אויף דעם מנהג פון בלאזן שופר.

דער **טור** (סי׳ תקפ״א) זאגט אז דער טאג וואס משה רבינו איז צום דריטן מאל ארויפגעגאנגען אין הימל איז געווען ראש חודש אלול, און דעמאלטס איז ער געגאנגען ברענגען די לוחות, האט מען דאן געבלאזן מיט א שופר אין גאנץ מחנה ישראל, און מען האט אויסגערופן אז משה רבינו איז יעצט ארויפגעגאנגען אין הימל, און ער וועט נישט אראפקומען פאר גאנצע פערציג טעג און פערציג נעכט, דאס האט מען געטון כדי צו באווארענען אז די אידישע קינדער זאלן נישט נאכאמאל מאכן אזא טעות אזוי ווי ביים חטא העגל ווען זיי האבן זיך טועה געווען מיט איין האלבן טאג.

אין **פרקי דרבי אליעזר** (סי׳ מ״ו) שטייט דער טעם וויבאלד דער קול שופר האט דעם כח מעורר צו זיין דעם מענטש, ווי דער פסוק זאגט **״היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו״**, דעריבער האבן חז״ל מתקן געווען אז מען זאל בלאזן מיטן שופר וואס דאס איז צו דערמאנען אידישע קינדער אז מען דארף תשובה טון.

אין **ייטב פנים** ווערט געברענגט בשם מרן בעל **ישמח משה** אז דער **בית יוסף** שרייבט אין שו״ע (או״ח סי׳ תכ״ב) אז די 12 הללוהו אינעם קאפיטל פון הללו קל בקדשו זענען קעגן די צוועלף חדשים פון יאר, און אלול איז דאך דער זעקסטער חודש פון יאר, און דער זעקסטער הללוהו איז הללוהו בתקע שופר.

**קיין גרויסער צדיק, הייב אויף דיינע אויגן וועסטו זעהן אז דער וואגן איז איינגעשפאנט מיט כלאים״.**

**האט דער רבי געפרעגט ״לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער מרדכי געדארפט אראפברענגען דעם לשון פון רבינו תם ווארט ביי ווארט, פארוואס האט ער נישט געקענט שרייבן אז דער רבינו תם האט אים געזאגט ״דיין וואגן איז איינגעשפאנט מיט כלאים!״ וואס האט אויסגעפעלט אראפצוברענגען די ערשטע ווערטער ״זיי נישט אזא גרויסער צדיק״ בפרט ווען דער מרדכי איז באקאנט אז ער איז שטענדיג מקצר ווי מער מעגליך!״**

**״נאר וואס דען, דער מרדכי וויל אונז דא לערנען א מורא׳דיגע זאך, מען טאר נישט אלעמאל זיין צו א גרויסער צדיק! עס איז דא צייטן וואס מען מוז זיך יא עפענען די אויגן און קוקן וואס עס קומט פאר אויף די וועלט, ווייל אויב נישט קען מען חס ושלום געשטרויכעלט ווערן מיטן הארבן איסור פון ״כלאים״** (מיינענדיג זיך אויסצומישן מיט רשעים און פושעי ישראל)..